NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13453

RUSISHE MAYSELEKH

Itzik Kipnis

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

רומישע
מאמעלאך
„פאראבקאפ"
קיעוו - 1924

פריוואטע ביבליאטעק
משה אראנער
נױ-יארק

י. קיפניס

רוסישע מייסעלאך

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

פאַרלאַג „סאָראַבקאָפּ"
קיעוו — 1924

מלוכע-טרעסט „קיעוו-דרוק"
4-טע דרוק. וואָראָווסקעס גאַס 42.
באַשט. 1308. געדרוקט 4000,
(ע. ד. פ. 667 קיעוו).

…ראַלע יידישע ביבל…
אין פרעסט ארגאַו

די קאַץ און דאס האנדעלע.

געלעבט האט אמאל א קאַץ מיט א האנבּענדל אין שכיי־נעס, גוט געלעבט צווישן זיך. איינס אָן דעם אַנדערן איז דער עסן קיין עסן ניט געווען, דער לעבן קיין לעבן ניט.

נאָר קאַץ דער קאָטער איז געווען עלטער, האָט ער אַכ־טונג געגעבן אַף האָנדעלען ווי אַף אַנ'אייגענעם קינד.

איינמאָל איז אַ וועק קאָטער אין וואַלד און זאָגט אַן האנדעלען:

— זע, מיין לעבן, קריך ניט צום פענסטער און שטופּ ניט דאָס קעפּעלע צום טיר. אַ פוקס, אַ הענער־פרעסער, האָט זיך דאָ ניט ווייט באַזעצט, טאָמער עפּעס קען ער נאָך דיך אַוועק־שלעפּן.

קאָטער איז אַוועק און פוקס האָט זיך דערוואוסט, ניטאָ קיין עלטערן אין שטוב—האָט ער זיך צוגעשטעלט.

פאַרגאַנגען אונטערן פענסטערל און גענומען מיט אַ וואויל קעלבענדלריידן:

— הענדעלע, הענדעלע!
פאַראַן באַ מיר קאַשע אין פענדעלע,
קום מירן ביידע עסן
און דעם קאָטערס רייד פאַרגעסן.
קלערט זיך דאָס האָנכענדל:
— ווער איז דאָס אַזוי גוט מיט מיר? לאָמיך אַ קוק טון.

ער טוט אַ שטופּ דעם קאָפּ אין טירעלע און דער פוקס כאַפּט אים פאַר אַ פּיסל און שלעפּט אַ היים צו זיך.

גענומען האָנכענדל שרייען:

— קעצעלע־קאָטער, ער טראָגט שוין מיך, דער פוקס, אין די ווייטע פעלדער, אין די טיפע וועלדער, צו די הויכע בערג, צו די ווייטע מערק.

דערהערט דער קאָטער אין וואַלד, איז ער אַוועקגעלאָפן דעם האָנכענדל אַרויסלייזן.

צוגענומען אים באַם פוקס און זאָגט:

— ניט געפאָלגט מיך, האָנדעלע, נאָך איין רעגע וואָלט דיך דער פוקס געווען אופעסן; איך האָב געקענט ווייט פאַרגיין און ניט דערהערן דיין געשריי.

אין אַ צייט אַרום קלייבט זיך ווייטער קאָטער אין וואַלד אַריין. זאָגט ער צו האָנדעלען:

— קוק ניט, האָנדעלע, אין פענסטער, שטופּ ניט דעם קאָפּ אין טירעלע — דער פוקס וועט נאָך דיך ווייטער אַוועק שלעפּן.

דער קאָטער איז נאָר אַוועק, — דער פוקס איז שוין ווייטער דאָ. געקומען צים האָנכענדל, זיך אונטער געשטעלט אונטערן פענסטער און זאָגט:

— האָן, האָן,
רויטער מאָן!
קום אַ הער
איך זאָג דיר אָן.
באַ מיר פאַראַן אַ בייגעלע,
וועט זיין געזונט דיין אויגעלע;
באַ מיר פאַראַן אַנ׳עפּעלע,
וועט זיין געזונט דיין קעפּעלע.

ט׳זיך פאַרוואָלט האָנדעלען טאַקי אַנ׳עפּעלע, שטופּט ער אַרויס דעם קאָפּ דורכן טירעלע, גענומען דער פוקס אים גע־געבן אַ כאַפּ פאַרן פּיסל און ווייטער אַוועקגעשלעפּט.

גענומען דאָס האָנבענדל שרייען:

— קעצעלע־קאָטער, ער טראָגט שוין מיך ווייטער, דער פוקס, אין ווייטע פעלדער, אין פּוסטע וועלדער, אַף הויכע בערג, אַף ווייטע מערק.

דערהערט דער קאָטער אין וואַלד און איז אַוועק גע־לאָפן גלייך, צוגעכאַפּט דאָס האָנדעלע ביים פוקס.

— אָט, זאָגט דער קאָטער, ווי אַזוי האָנדעלע קען ניט פאָלגן אַז מע בעט אים עפּעס. דער פוקס וואָלט דאָך דיך געווען אופּעסן ווען איך וואָלט געווען אַ ביסעלע ווייטער פאַר־גאַנגען.

אין אַ צייט אַרום איז ווייטער קאָטער אַוועק פון דער היים און זאָגט אָן האָנדעלען:

— זע, האָנדעלע, קוק ניט אין פענסטער, שטופּ זיך ניט אין טיר, איך גיי אַוועק ווייט. דער פוקס וועט דיך אַוועקשלעפּן וועל איך אֶפילע ניט הערן ווי דו וועסט שרייען.

דער קאָטער איז נאָר אַוועק, דער פוקס איז שוין ווייטער צום האָנדעלע געקומען. זיך אונטערגעשטעלט אונטערן פענ־סטער און רופט:

— הענדעלע, הענדעלע,
גאָלדענע פענדעלע,
ס'שטייען דאָרט הינער,
אַמעריקאַנער און ווינער,
זיי ווילן אַ ווייצעלע אַ פּיק טון
און אַף דיר אַ קוק טון—
קום אַרויס!

— דאָס איז שוין עמיצער אַנדערש, קלערט דאָס האָנדעלע, ניט דער פוקס, מע מעג אַ קוק טאָן.

ער טוט אַ קוק אין טירעלע און דער פוקס—אַ כאַפּ אים פאַר אַ פּיסל און אַוועקגעטראָגן.

דאָס האָנדעלע נעמט ווייטער שרייען:

— קעצעלע־לעבן, ער טראָגט שוין מיך ווייטער, דער פוקס, אין ווייטע פעלדער, אין טיפע וועלדער, אַף הויכע בערג און ווייטע מערק.

געשריגן דאָס האָנדעלע און געשריגן און ניט געקענט צום קאָטער זיך דערשרייען.

אַוועק געטראָגן אים דער פוקס איבער גערטנער, איבער פּלויטן, איבער געאַקערטע בייטן, פאַרטראָגן צו זיך אין הייזעלע ווייט־ווייט אין פינסטערן וואַלד.

אַז דער קאָטער איז געקומען אַהיים און דערזען ניטאָ האָנדעלען, האָט אים זייער אַנגעגומען ביים האַרצן.

— אָט—זאָגט ער—האָנדעלע, האָנדעלע! וויפל איך האָב אים ניט אַנגעזאָגט—קוק ניט אין פענסטער און ער טוט זיינס,

ביז דער פוקס ט׳איס ניט אָוועקגעשלעפט. איצט דאַרף מען גיין אים אָבי ווי אַזוי אַרויסראַטעווען, אויב דער פוקס האָט אים נאָך די ביינדעלאַך ניט צעבראָכן.

אָוועק דער קאָטער אין מאַרק און געקויפט זיך אַ גרינע קאַפּאָטע מיט רויטע שטיוול, אנגעטאָן אַ לירע בײַ דער זייט, זיך פאַרפּוצט און אָוועק צום פוקס אַהיים.

זיך אונטער געשטעלט אונטערן פענסטער אין גענומען אַף דער לירע שפּילן:

לירל־לירל, סטרינע באָם,
לירל־לירל, סטרינע באָם!
נאָך די הויכע בערג,
נאָך די ווייטע מערק,
אינם ווייטן וואַלד, אינם גרינעם וואַלד,
האָט געוואוינט אַזאַ מין פוקס
אין אַ גאָלדן טומבעלע—
האָט דער פוקס טעכטער פיר,
הייסט די עלצטע בומבעלע.

סאַמע יאָנטעוו איז דאָס געווען, שטייט דער פוקס און באַקט לאַטקעס.

— אוי,—זאָגט דער פוקס—ס׳אַשיינקייט ס׳שפּילט דאָרטן, דער צימבלער. גיי נאָר, בומבעלע, טראָג אים אַרויס אַ לאַטקע.

אָוועק געטראָגן בומבעלע קאָטערן אַ לאַטקע. דער קאָטער ט׳אַריינגעוואָרפן די לאַטקע אין מויל און בומבעלען איז ער ניט פויל, און פאַרשפּאַרט צו זיך אין טאָרבע. און נעמט ווייטער שפּילן אַף דער לירע אין זינגען:



לירל־לירל, סטרינע באָם,
לירל־לירל, סטרינע באָם!
נאָך די הויכע בערג,
נאָך די ווייטע מערק,
אינם טיפן וואַלד,
אינם גרינעם וואַלד,
וואוינט אַזאַ מין פוקס
אין אַ גאָלדן טומבעלע—
האָט דער פוקס טעכטער פיר,
הייסט די ערשטע בומבעלע
די צווייטע הייסט דונדעלע.

— אָט—זאָגט דער פוקס— זינט איך לעב האָב איך נאָך אַזאַ מין צימבלער ניט געהערט. גיי נאָר, דונדעלע, טראָג אים אַרויס אַ לאַטקע.

גענומען קאַטער די לאַטקע אין מויל, און אַליין איז ער ניט פויל, דונדעלען אויך אין טאָרבע פאַרשפּאַרט—און שפּילט ווייטער:

לירל־לירל, סטרינע באַם,
לירל־לירל, סטרינע באַם!
נאָך די הויכע בערג,
נאָך די ווייטע מערק,
אינם טיפן וואַלד,
אינם גרינעם וואַלד,
וואוינט אַדאָרט אַזאַ מין פוקס
מיט איר וואויל געזינדל—
האָט דער פוקס טעכטער פיר,
הייסט די דריטע מינדל.

— אַט—זאָגט דער פוקס—און דיך, מינדל, דערמאָנט ער אויך; גיי נאָר, טראָג אים אָפּ א לאַטקע.

גענומען מינדל, אַוועק געטראָגן קאָטערן א לאַטקע. קאָטער לייגט די לאַטקע אין מויל און אַליין איז ער ניט פויל די דריטע טאָכטער אויך פאַרשפּאַרט אין טאָרבע און שפּילט ווייטער אף דער לירע, און זינגט צו:

לירל־לירל, סטרינע באַם,
לירל־לירל, סטרינע באַם!
פאַר די הויכע בערג,
פאַר די ווייטע מערק,
אינם טיפן וואַלד,
אינם גרינעם וואַלד,
וואוינט אַדאָרט אַזאַ מין פוקס,
האָט דער פוקס טעכטער פיר,
הייסט די פערטע—
גוט־יאַנטעוו־דיר.

— אַי,—זאָגט דער פוקס צו דער פערטער טאָכטער—דיך אויך דערמאָנט „גוט יאָנטעוו דיר". נעם, טראָג אים אַרויס א לאַטקע.

קאָטער לייגט די לאַטקע אין מויל און אַליין איז ער ניט פויל—די פערטע טאָכטער אויך אין טאָרבע פאַרשפּאַרט.

וואַרט דער פוקס אַף די קינדער און וואַרט, און זאָגט צום האָנדעלע:

— נעם שוין, מאַמזער, עס אויף אַ שטיקל לאַטקע, און גיי זע, וואו זיינען מיינע קינדער אַהינגעקומען.

איז אַרויס האָנדעלע צום קאָטער, ט'געכאַפּט דער קאָטער פיס, און אַוועק מיט האָנדעלע און מיט די קליינע פיקסעלאַך— האָט מען זיי מער אי זען נישט געזען, אי הערן נישט געהערט.



די ציגעלאַך און דער וואָלף.

געווען איז אַ ווייסע ציג.

איז אַוועק די ציג אין וואַלד, זיך אויפגעמאַכט אַ שטוב און אָנגעהאַט דאָרט אַסאַך קינדערלאַך. גייט אַלע טאָג די ציג אין פעלד זוכן פּאַשע. אַליין גייט זי, און די ציגעלאַך זאָגט זי אָן:

— וואָס שטאַרקער זאָלט איר די טיר פאַרשפּאַרן און קיי־נעם ניט אַריינלאָזן, איר הערט?

— מיר הערן,—זאָגן די ציגעלאַך.

עסט זיך אָן די ציג אין וואַלד מיט פּאַשע און קומט צו־לויפן אַהיים. טוק־טוק מיט די הערנערלאַך אין טירעלע און זינגט זיך צו:

— ציגעלאַך, מיגעלאַך,
עפנט גיך.
די מאַמע גייט אַהיים
צו זיך.
די מאַמע טראָגט אַ זאַק
מיט מילך.
איך בין, ציג, אין וואַלד געווען,
גראָז געגעסן זיסנקן,

געטרונקען וואַסער פרישינקן,
פאַר ציגעלאַך פאַר זיבן
האָב איך מילך אָנגעקליבן.

דערהערן די ציגעלאַך די מאַמע קלאפט—שפאַרן זיי אָפּ די טיר, עסן אָפּ, און די ציג גייט צוריק אַוועק אין וואַלד זיך פּאַשען.

געקומען דער וואָלף, זיך צוגעהערט, ווי די ציג זינגט, האָט ער זיך פאַרגאַנוועט הינטערן שטוב.

די ציג איז נאָר אַוועק, גייט ער צו צום טירעלע און הויבט אָן מיט אַ גראָבער געמבע:

— ציגעלאַך, טאַטעלאַך,
עפנט דער מאַמען,
— עסן געברייגט אייך,—

איך שאָר זיך ניט זאַמען,
וואַסער געגעסן,
גראָז געגעסן,—
עפנט דער מאַמע.

הערן די ציגעלאַך אויס און רופן זיך אָן:

— מיר וויסן, מיר וויסן, ניט מיט דער מאַמעס קאָל זינגסטו, די מאַמע זינגט שיין, און דו פּרעפּלסט.

און ניט געוואָלט עפענען דעם וואָלף די טיר.

אַוועק דער וואָלף ניט פליישיק, ניט מילכיק, און די מאַמע געקומען, האָט זי געגלעט די קינדערלאַך:

— גוט האָט איר געטאָן, קינדער מיינע, ניט אַריינגעלאָזן דעם וואָלף, ווען ניט—וואָלט ער אייך גאַנצערהייד ביז איינעם דערשלינגען.



דער וואָלף און דער באָק.

פאַרגלוסט זיך איינמאָל דעם אַלטן באָק אַ ביסל גיין שפּאַצירן.

שפּאַנט ער אַרויס פון דאָרף אין פעלד אַריין, פון פעלד אין וועלדל פאַרקראָכן, און פון דאָרט איז שוין צום ווילדן וואַלד, גאָר ניט ווייט.

גייט אַלטער באָק אַרום איבערן וואַלד, מיט די הערנער מאַכט ער, מיט דער באָרד לאַכט ער, און מורקעט צו זיך אַליין.

קומט אים אָן .אַ הונגעריקער וואָלף אַנטקעגן. דערזען דעם באָק גיין, האָט ער זיך דערפרייט:

— באָק, אַ, באָק,—רופט דער וואָלף—איך עס דיך באַלד אוף!



— אָך, וועלפעלע, האַר מײַנער,—האָט זיך געגומען דער באָק בעטן,—עס מיך ניט, דו ווּעסט נאָך אין מײַנע אַלטע בײנער זיך דײַנע אַלע צײן צעדרײען, בעסער שטעל זיך אָנא אונטער יענעם בערגעלע און צעעפן דאָס מויל אַזוי גוט, גוט, וועל איך זיך צעיאָגן און גלײַך צו דיר אין שלונג אַרײַנפליען.

— גוט,—זאָגט דער וואָלף.

האָט זיך אַוועקגעשטעלט דער וואָלף אונטערן בערגעלע און צעעפנט דאָס מויל, און דער באָק האָט זיך אַרויפגעקליבן אָפן באַרג, זיך צעיאָגט און געגעבן אַ זעץ דעם וואָלף מיט די הערנער, האָט זיך דער וואָלף איבערגעקערט, אַוועקגעקײקלט, און ווייס ניט אַף וואָסער וועלט ער איז.

ביז דער באָק איז אַהײם דערגאַנגען, איז דער וואָלף געלעגן און געלעגן, געקלערט און געקלערט, און וויל אופשטײן —קען ער ניט.

ער טוט אַ קוק אַלע בײנדאַלאַך האָבן זיך בײ אים צעשאָטן און אַף קלײנע שטיקלאַך צעבראָכן. און דער באָק איז אַוועק אין דאָרף אין אָנגעהויבן פון דאָס נײ לעבן.

לעבט ער נאָך אי הײַנט.



די גענז.

געווען אַ מאָל א זיידע מיט א באבע, האָבן זיי געהאַט א מיידעלע מיט אַ קליין איינגעלע. קלייבן זיך די אלטע אין שטאָט אַריין גיין. און זאָגן אָן דעם מיידעלע:

— מיר גייען, טאָכטער, אין שטאָט אַריין, ברייגנען מיר דיר אַ זעמעלע, און אַ טיכעלע וועלן מיר קויפן אַ רויטס,—זאָלסטו זיין אַ לייט:—דעם ברודערל היטן און פון הויף ניט אַרויס

די אַלטע זיינען אַוועקגעגאַנגען. ט׳גענומען דאָס מיידעלע, אַנידערגעזעצט דעם ברודערל אַפן גראָז אונטערן פענסטער און אַליין איז זי אַוועקגעלאָפן אין גאַס און זיך פאַרשפּילט.

זיינען געקומען צעפלויגן גענז, אונטערגעכאַפּט דאָס איינגעלע און אַף די פליגלען עס אַוועקגעטראָגן.

געקומען צעלויפן דאָס מיידעלע.—טוט אַ קוק—ניטאָ דאָס ברודערל. ט'זי זיך אַ וואָרף געטאָן אַהער, אַהין—ניטאָ! גערופן דאָס מיידעלע, גערופן דאָס ברודערל, רופט ער זיך ניט אָפּ. איז זי אַרויסגעלאָפן אין פרייען פעלד: פונדערוווייטנס האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַ טשאַטע גענז און איז פאַרפאַלן געוואָרן פון יענער זייט וואַלד.

„געוויס האָבן די גענז אַוועקגעטראָגן דאָס ברודערל"— קלערט זיך דאָס מיידל—און ט'זיך געלאָזן די גענז דעריאָגן.

געלאָפן דאָס מיידעלע, געלאָפן, און דערזעט אַנ'אויוועלע שטייט:

— אויוועלע, אויוועלע! זאָג, וואו זיינען די גענז אַוועקגעפלויגן?

— דו וועסט אופעסן מיין קאָרן־קוילעטשל, וועל איך דיר זאָגן.

זאָגט דאָס מיידעלע:

— בײַ מיין טאַטן וויל איך קיין ווייצנס ניט עסן, וועל איך בײַ דיר עסן קאָרנס?

און איז אַוועקגעלאָפן ווייטער.

לויפט דאָס מיידעלע ווייטער. און זעט, ס'שטייט אַן עפּל־בוים.

— בוימעלע, בוימעלע, וואוהין זיינען די גענז אַוועקגעפלויגן?

— דו וועסט אופעסן מיין וואַלד־עפּעלע—זאָגט דאָס בוימעלע,—וועל איך דיר דעמאָלט זאָגן.

— בײַ מיין טאַטן עס איך קיין אָנגעגאָסענע עפּל ניט—ט'געזאָגט דאָס מיידעלע,—וועל איך בײַ דיר קיין וואַלד־עפּל אַוואַדע ניט עסן. און איז אַוועקגעלאָפן ווייטער.

לויפט דאָס מיידעלע און זעט: ס'פליסט אַ מילך־טייכעלע מיט ווייניקע ברעגן.

— זאָג מיר, טייכעלע, וואוהין זיינען די גענז אוועק־געפלויגן?

— דו וועסט אופעסן בא מיר אַ ביסעלע ווייניקן זופ, וועל איך דיר דערנסטמאָל זאָגן.

— בא מיין טאַטן וויל איך קיין איינגעמאַכטס ניט עסן, — זאָגט דאָס מיידעלע, און איז געלאָפן ווייטער.

לויפט איר אַ קיניגל אַנטקעגן. פרעגט זי:

— קיניגל, קיניגל, וואוהין זיינען די גענז אוועקגעפלויגן?

האָט דאָס קיניגל אָנגעוויזן דעם מיידעלע דעם וועג.

אוועקגעלאָפן דאָס מיידעלע איבערן וועג, זעט זי — שטייט אַ שטיבעלע אָף הינערשע פיסלאַך, שטייט און שטייט און דרייט זיך. און אין שטיבעלע זיצט די בייזע באַבע מיט ביינעריקע פיס און מיט אַ ליימענער נאָז, און דאָס ברודערל זיצט אויך ביים פענסטער אָף דער באַנק און ס'שפילט זיך מיט גאָלדענע עפּעלאַך.

האָט זיך אונטערגעגאַנוועט דאָס מיידעלע צום פענסטער צוגעכאַפּט דאָס ברודערל און אוועקגעלאָפן אַ היים.

דערזעען די בייזע באַבע, האָט זי אַרויף געטון די גענז און אוועקגעשיקט דאָס מיידעלע יאָגן.

לויפט דאָס מיידעלע און אָט, אָט, דער יאָגן זי די גענז. וואו טוט מען זיך אַהין? צוגעלאָפן דאָס מיידעלע צום מילך־טייכעלע מיט די ווייץ־ברעגן.

— טייכעלע, טייכעלע, פאַרשטעל מיך!

— אַז דו וועסט אופעסן מיין זופ מיט מילך.

ט'אַזופ געטאָן דאָס מיידעלע אַביסעלע זופ מיט מילך. האָט

טייכעלע באַהאַלטן דאָס מיידעלע אונטער זיין הויכן ברעג און די גענז זיינען פאַרביי דורכגעפלויגן.

אַרויסגעלאָפן דאָס מיידעלע פון אונטערן ברעג און לויפט ווייטער. האָבן זי די גענז דערזען און ווייטער גענומען יאָגן.

וואָס זאָל דאָס מיידעלע טאָן?

איז זי צוגעלאָפן צום עפּלבוים:

— בוימעלע, טייבעלע, באַהאַלט מיך!

— וועסט אופּעסן מיין וואַלד־עפּעלע וועל איך באַהאַלטן.

ניט געהאָלפן. געמוזט דאָס עפּעלע אופּעסן, — האָט דער עפּלבוים פאַרשטעלט זי מיט די צווייגן און די גענז זיינען פאַרביי דורכגעפלויגן.

אַרויסגעגאַנגען דאָס מיידעלע פון אונטערן עפּלבוים און זיך געלאָזן לויפן אַהיים. זי לויפט און די גענז האָבן זי ווייטער



דערזעען. און—נאָך איר! שוין איינגאַנצן נאָענט אָנגעפלויגן, פּאַכן מיט די פליגלען איבערן קאָפּ.

קוים איז דאָס מיידעלע צום אויוועלע דערלאָפן:

— אויוועלע, מוטערל, באַהאַלט מיך!

— ווערסט אופעסן מיין קאָרן־קוילעטשל וועל איך באַהאַלטן.

אינדערגיך האָט דאָס מיידעלע אופגעשלונגען דאָס קאָרן־קוילעטשל און פאַרקראָכן אין אויוון.

די גענז זיינען דורכגעפלויגן פאַרביי.

אַרויסגעקראָכן דאָס מיידעלע פון אויוון, און זיך געלאָזן אַ היים מיט אַלע קויכעס.

האָבן די גענז ווייטער דערזעען זי און זיך אוועקגעיאָגט נאָך איר. אָט פליען זיי אָן, פּאַטשן שוין מיט די פליגלען איבערן פּאָנעם, ווילן דאָס ברודערל פון די הענט אַרויסרייסן.

איז שוין דאָס שטיבעלע געווען נישט ווייט, דאָס מיידעלע איז אַריינגעלאָפן אין שטוב, גיך פאַרהאַקט די טיר, פאַרמאַכט די פענסטער.

האָבן זיך געדרייט די גענז איבערן דאַך און זיך אָנגעשריען און אַזוי מיט גאָרניט אַוועקגעפלויגן צו דער בייזער באבע.

זיינען געקומען אַ היים דער טאַטע מיט דער מאַמע, געטראָפן דאָס אינגעלע אינדערהיים, גאַנץ און געזונט, האָבן זיי געשיינקט דעם מיידעלע אַ ווייס זעמעלע, אַ רויט טיכעלע און זי ליב געהאַט דער פאר אַ גאַנץ יאָר נאָך מיט אַ וואָך.

דער בערישער פוס.

איינמאָל האָט זיך איינגעגאַדעט אַ בער אין דאָרף אַריין. וואָס אַ טאָג, טוט ער אוף גייע בייסן. היינט גאַנוועט ער צו אַ שאָף, מאָרגן אַ ציג, און איינמאָל האָט ער אַפילע אַ פערד דערהאַרגעט. די ווייבער ציטערן אין דאָרף זיך ווייזן, און קליינע קינדער האָבן זיך מוירע אין גאַס אַרויס.

האָט מען געקלערט און געקלערט און זיך אופגעקליבן דאָס גאַנצע דאָרף גיין דעם בער כאַפן. האָט מען אָבער דעם גאַנצן בער ניט געכאַפּט, נאָר אַ פוס אים אָפּגעריסן און אַליין איז דער בער אַף דריי פיס אַוועקגעשפרונגען אין וואַלד און זיך באַהאַלטן.

האָט גענומען בעטן אַנ׳אַלטע ווייבל ביים דאָרף:

— גיט מיר אָפּ דעם בערישן פוס, איך בין אַן אָרימע.

האָט מען איר אָפּגעגעבן דעם פוס. האָט זי די וואָל אַרומ־געשוירן, די פעל אַראָפּגעשונדן און דעם פלייש צוגעשטעלט אין אויוון אין אַ טעפּל קאָכן.

געקומען באַנאַכט, האָט די אַלטינקע פאַרשפּרייט די פעל אָפן אויוון, זיך אַנידערגעזעצט, ס׳זאָל זיין ווייך, און גענומען די בערישע וואָל שפּינען. אין דרויסן איז שוין נאָך האַלבער נאַכט, און די אַלטינקע שפּינט נאָך אַלץ.

פלוצלינג הערט זי—עמיצער קריכט אַרום אונטערן פענ־סטער. אַראָפּגעקראָכן די אַלטע פון אויוון, געטאָן אַ קוק אין פענסטער, און זיך דערשראָקן אָף טויט. דער בער קריכט אַף אַ מיליצע מיט אַ האָלץ אונטערגעשפּאַרט, גייט און טאַינעט צו זיך אַליין:

— אָפן אַלטן טראַקט
גייט דער בער און קלאַפּט
מיט אַ פרעמדן פוס,
צעקנאַקט שוין אַלע ניס.
אַ פיס אַ האָלצערנער,
אַ דעמבענער שטעקן—
איך גיי די אַלטע באַבע וועקן.
דאָס וואַסער שלאָפט שוין,
די ערד שלאָפט שוין,
מע שלאָפט אין אַלע טירן,
מע שלאָפט אין אַלע טויערן.
איינע אַן אַלטע נאָר שלאָפט ניט,
אַף מיין פעל זיצט זי,

מיין וואָל שפּינט זי,
און קאָכט מיין פליייש
אין הייסער וואַסער.

האָט זיך די אַלטע זייער דערשראָקן: זיצן זיצט זי איינינקע אַליין. וואָס זאָל זי טאָן? וואוהין זאָל זי זיך אַהינטאָן? און דער בער קלאַפּט שוין אין הייזל מיטן האָלצערנעם פוס, טאַפּט די טיר און רעדט אַלץ צו זיך אַליין:

— אַפן אַלטן טראַקט
גייט דער בער און קלאַפּט
מיט פרעמדן פוס.
צעקנאַקט שוין אַלע ביס.
אַ פוס אַ האָלצערנער,
אַ דעמבענער שטעקן,
איך גיי די אַלטע באַבע וועקן.
דאָס וואַסער שלאָפט שוין,
די ערד שלאָפט שוין—
איינע אַ אַלטע נאָר שלאָפט ניט:
אַף מיין פעל זיצט זי,
מיין וואָל שפּינט זי,
און קאָכט מיין פליייש
אין הייסן וואַסער.

זעט די אַלטע: ס'איז שלעכט, האָט זי אינדערגיך אָפגעעפנט דעם קעלער, פאַרלאָשן די שיין, געמאַכט פינסטער אין שטוב, און אַליין אַרוף אַפן אויוון. האָט דורכגעבראָכן דער בער די טיר און גענומען זוכן די אַלטע אין דער פינסטער. ער טאַפּט און טאַפּט, זוכט און זוכט, און פליאַך! אין אָפענעם קעלער אַריין. אַראָפּגעשפּרונגען גיכער די אַלטע פון אויוון, פאַרשפּאַרט דעם

קעלער און אַוועקגעלאָפן רופן דאָס דאָרף. געקומען דאָס גאַנצע דאָרף און געכאַפּט דעם בער, פאַרפירט אים אין טורמע, זיצט ער דאָרט אי היינט. אַלע וואָך גיט מען אים אַפּונט ניס קנאַקן, צעקנאַקט ער ביז איינעם — און בעט נאָך.

לוטאשל.

געווען אַ מאָל אַ זיידע מיט אַ באָבע, האָבן זיי ניט געהאַט קיין קינדער.

איינמאָל איז אַוועק דער זיידע אין וואַלד, ט׳געפונען אַ גריבעלע מיט ליים און האָט אויסגעקלעפּט פון דער ליים אַ קליין אינגעלע—אַ לוטאשל.

געקומען דער זיידע אַ היים און זאָגט צו דער ווייב:

— באָבע, אָ באָבע, איך האָב עפּעס געפונען.

— אַנו ווייז, וואָס?

— איך וועל אָבער ניט ווייזן!

האָט גענומען דער זיידע לוטאשלען, ניט געוויזן דער באָבע, און אים אַוועקגעזעצט אפן אויוון אונטער אַ טאָפּ זיך טרוקענען.

האָט זיך אויסגעטריקנט לוטאשל און שרייט פון אָפן אויוון:

— טאַטעלע, טאַטעלע, נעם נאָר מיך אַראָפּ!

נעמט אַראָפּ דער אַלטער לוטאשלען פון אויוון, רופט ער זיך אָן:

— טאַטעלע. טאַטעלע, מאַך מיר אַ שיפעלע, וועל איך פאָרן טשואוועקעס רייסן.

קוקט דער אַלטער, וואָס איז דאָס,—און גענומען און אופגעקלאַפּט אַ שיפעלע פון האָלץ.

איז אַוועקגעפאָרן לוטאשל טשואוועקעס רייסן, רייסט ער די טשואוועקעס און רייסט.

איז געקומען די באָבע צום ברעג און רופט:

— לוטאַ—לוטאַ—לוטאשל! פאָר אַהער צום ברעג.
איך האָב געבראַכט קעז אַף אַ שפּענדעלע,
און אַף לאַנגע יאָר אַ העמדעלע,
זאָלסט געזונטערהייט צערייסן,
מיט אַ ניי׳ענקער פאַרבייסן.

דערהערט לוטאשל מע רופט,—איז ער צוגעפאָרן צום ברעג, אָפּגעגעסן, גענומען דאָס העמדעלע און צוריק אוועקגעפאָרן טשואוועקעס רייסן.

האָט זיך אונטערגעקוקט די באָבע־יאַגע און ס׳האָט זיך איר פאַרגלוסט כאַפּן לוטאשלען.

איז זי אַרויס צום ברעג און שרייט:

— לוטאַ—לוטאַ—לוטאשל! פאָר אַהער צום ברעג,
איך האָב געבראַכט קעז אַף אַ שפּענדעלע,
און אַף לאַנגע יאָר אַ העמדעלע,
די זאָלסט געזונטערהייט צערייסן,
מיט אַ ניי׳ענקער פאַרבייסן.

האָט דערהערט לוטאשל און זאָגט:
— איך הער, איך הער, ס'ניט דער מאַמעס קאָל.
און איז ניט אַוועקגעפאָרן צום ברעג.
האָט זיך צעקאַסט די באבע־יאַגע און איז אַוועקגעלאָפן צום שמיד:
— דו שמיד! מאַך מיר אָפּ אינדערגיך אַ צינגי'לע אַ דינס.
האָט דער שמיד אָנגעגליט דאָס העמערל און זאָגט צו דער באבע־יאַגע:
— גוט. לייג דעם צונג אַפן קאָוואַדלע.
געמוזט די באָבע־יאַגע פאָלגן.
האָט דער שמיד געגעבן אַ פּיק מיטן הייסן העמערל איבערן צונג. איז געוואָרן בא איר אַ דין צינגעלע.
איז זי אוועקגעלאָפן אַ פריילאַכע צום ברעג און גענומען רופן:

— לוטאַ—לוטאַ—לוטאשל, פּאָר אַהער צום ברעג.
איך האָב געבּראַכט קעז אַף אַ שפּענדעלע,
און אַף לאַנגע יאָר אַ העמדעלע,
די זאָלסט געזונטערהייט צורייסן,
מיט אַ נייענקער פאַרבּייסן.

האָט דערהערט לוטאַשל אַ דין קעלעכל איז ער צוגעפאָרן צום ברעג.

האָט אים די באַבע־יאַגע אופגעכאַפּט און אוועקגעשלעפּט. געקומען יאַגע אַ היים אַ פריילאַכע און זאָגט צו דער טאָכטער:

— מעמעלע, מיידעלע, בּראָט מיר אָפּ דאָס קלענערע גאַנערל.

— אַ וועלכן, מאַמעלע?

— דעם יונגן,—זאָגט יאַגע, און אליין איז זי אַרוף אַפן אויוון און אַנשלאָפן געוואָרן.

הערט לוטאשל וואָס מען רעדט, האָט ער גוט מוירע. גייט מעמעלע צו און זאָגט מיט אַ גוטן קאָל:

— לוטאשל, לוטאשל, זעץ דיך אַף דער לאָפּאַטקע, איך וועל דיך אַריינזעצן אין אויוון.

האָט זיך אַנידערגעזעצט לוטאשל אינדערברייט אַף דער לאָפּאַטע.

זאָגט מעמאַ:

— ניין, ניט אַזוי האָסטו זיך געזעצט.

— ווי אַזוי זשע?

— אָט, ווי מיין מאַמע באַקט בּייגעלאַך.

— אַנו, באַווייז.

האָט זיך מעמעלע אַנידערגעזעצט אַף דער לאָפּאַטע, און לוטאשל אין דערגיך זי געגעבן אַ זעץ אין אויוון, און איבער־געקערט.

האָט זי זיך דאָרט אָפּגעבראָטן און לוטאשל האָט זיך דער־ווייל איבערגעטאָן אין איר אָנטאָן און זאָזט צו יאַגען:

— מאַמעלע, אַ־מאַמעלע, גיי וואַרמעס עסן!

אַראָפּגעקראָכן יאַגע, גענומען עסן, עסט און זינגט צו:

— זיך קאַטשען באַדאַרפט, און זיך קויקלען באַדאַרפט איבער לוטאשלס ביינדאַלאַך און איבער די ריפּעלאַך.

און לוטאַשל איז פאַרקראָכן אונטער דער ערד, און שרייט פון דאָרט:

— זיך קאַטשען באַדאַרפט, און זיך קויקלען באַדאַרפט, איבער מעמעלעס ביינדאַלאַך און איבער די ריפּעלאַך.

קוים אָפּגעגעסן יאַגע, רופט זי:

— מעמעלע, קלייב צו.

און לוטאַשל ענטפערט:

— באַלד, מאַמעלע.

ארויסגעקראָכן פון אונטער דער ערד, צוגעקליבן פון טיש און די באבע־יאַגע איז ווייטער אַוועקגעקראָכן אפן אויוון שלאָפן.

לוטשאל האָט געקריגן גריפּן אַפן פאַליצע, צולייגט אין מיט׳ן שטוב אַ פייער אַפן אויוון־גרעטל און גענומען קאָכן קאַשע.

האָט דערזען די באבע־יאַגע, קויכט זי אַראָפּ פון אַפן אויוון, גייט אַרום און ארום לוטאשלען און קוקט זיך צו אים צו.

זאָגט לוטאשל:

— באבע־יאַגע, זע, טרעט ניט אריין אין דער קאַשע, איך וועל דיר אַ פוס אָפּרייסן!

האָט דערקענט די באבע יאַגע לוטאשלן, און פאַר קאַס די שיין ניט געזען, און גענומען שרייען:

— איך וועל אַריינטרעטן, אַריינטרעטן, דו אַזוינער און אַזוינער, איך וועל נאָר אַריינטרעטן!

און ט׳זיך אַ וואָרף געטון צו אים. האָט ער זי געכאַפּט פאַר אַ פוס, די פיס אָפּגעריסן און אַנטלאָפן געוואָרן צוריק צום זיידן מיט דער באָבען,—האָבן זיי זיך אַלע דריי גענומען פרייען.

דער זיידע האָט געלאָזן קלינגען אין אַ גאָלדענעם גלאָק, און זיי לעבן אַלע דריי ביז היינטיגן טאָג.

דאס שניי־פייגעלע.

אַ מאָל זיינען געווען אַ זיידע מיט אַ באָבע, האָבן זיי ניט געהאַט קיין קינדערלאַך. דער זיידע איז געוואָרן אַלט און עלטער, די באָבע איז געוואָרן אַלט און עלטער, און קיין קינדער איז ביי זיי אַלץ ניטאָ.

איינמאָל איז געוואָרן ווינטער אין גאַס. אַ פרישינקער שניי־עלע שיט. שוין אַהער ביז די קני אָנגעשאָטן.

איז געוואָרן אַף אַלע קינדערלאַך אַ סימכע. וואו אַ שטוב לויפן קינדערלאַך פון די טירן, קלייבן אָן הורעס שניי און קלעפן אויס שניי־מענטשן.

רופט זיך אָן דער זיידע צו דער באָבע:

— אַט וואָלטן מיר אויך, באָבע, אַרויס אין הויף און זיך אויסגעקלעפּט אַ שניי־מענטש.

— גוט!—זאָגט די באָבע—לאָמיר גיין. נאָר צו וואָס דאַרפן מיר אַ גאַנצן מענטשן, לאָמיר זיך אויסקלעפּן אַ ליאַלקע, וועט זי אונז צוגוך קומען פאַר אַ קינד.

אָנגעטאָן דער זיידע דעם פוטער, און די באָבע דעם פּעלץ, פאַרגאַנגען טיף־טיף אין שניי און גענומען קלעפּן זיך אַ ליאַלקע. צוגעקלעפּט הענטעלאַך, צוגעקלעפּט פיסעלאַך. גייט דורך אַ פרעמדער מענטש, זעט ער וואָס דער זיידע מיט דער באָבע טוען.

זאָגט ער:

— קוים געפונען אַ שפּיל—מאַזל־טאָוו אייך!

— מיט מאַזל זאָלט איר לעבן!—ענטפערט די באַבע:—קיין מאַזל שאַט קיין־מאָל ני'..

און די אַלטינקע האָבן דערווייל צוגעקלעפּט אַ נעזעלע נאָך. פּאָר אויגעלאַך געמאַכט צוויי גריבעלאַך, און גענומען נאָר אויסשניידן אַ מיילכענדל, ערשט דער זיידע הערט—ס'איז אַוועק אַ וואַרעמער אָטעם פון דער ליאַלקע. דער זיידע טוט אַקוק, פון די גריבעלאַך איז געוואָרן בלויע אויגאַלאַך שיינע, די רויטע ליפּעלאַך לאַכן שוין און די ליאַלקע קומט אויס אַזוי, ווי אַ ני'ע־מעסע מיידעלע.

האָבן זיך דער זיידע מיט דער באַבע דערפרייט, געכאַפּט זיך קושן פאַר פרייד און טראָגן דאס מיידעלע אין שטוב. וואַקסט די ליאַלקע, וואָס אַ שאָ ווערט זי גרעסער און וואָס אַ רעגע ווערט זי שענער און קלוגער. דערציילט מען איר מייסעלאַך

פאַרשטייט זי יעדער וואָרט, און נאָכדעם דערציילט זי איבער וואָרט און וואָרט, איז אַ מכאַיע צו הערן. און רופן רופט זי די באָבע מיטן זיידן שניי־פייגעלע. פאַרן ווינטער איז אויסגעוואַקסן שניי־פייגעלע אַ גרויסע, אַזוי ווי פּופּצן יאָר אַלט, און אַליין איז זי אַ ווייסינקע־ווייסינקע, קלאָרער פון ווייסן שניי אַפן גאַס.

אַוועק דער ווינטער, גענומען די זון זיך ווייזן און די וועלט וואַרעמען. איז געוואָרן שניי־פייגעלע אומעטיק, און וואָס נעענטער צו זומער, ווערט דאָס מיידעלע אומעטיקער און טרויעריקער. באַהאַלט זיך פון דער זון, וואו אַ שאָטן דאָרט זיצט זי, און וואו אַ זון גייט זי אַוועק. קומען אָן כמאַרעס אַפן הימל ווערט זי אַ ביסעלע פריילאַכער און גייט אַוועק צום קאַלטן קוואַל און פּלאָשקעט זיך ביז נאַכט.

— וואָס איז איר פאַר אַ גוטס, אונזער מיידעלע — קלערט זיך די באָבע — וואָס זי איז אַזוי אומעטיק?

שיט אַ האָגל קוועלט זי און טאַנצט, גייט אַרויס די זון — וויינט זי.

איינמאָל זומער פאַרנאַכט קלייבן זיך אויף די מיידלאַך שפּילן. זאָגן זיי צו שניי־פייגעלען:

— קום אויך מיט אונז.

גייען זיי.

געקומען אין וואַלד און אָנגעריסן קווייטן, אויסגעפלאָכטן יעדער מיידעלע אַ קראַנץ, און שניי־פייגעלען דעם שענסטן קראַנץ געמאַכט, און גענומען זינגען לידער. אַפדערנאַכט האָבן די מיידלאַך צולאָזט אַ פייער און זיך אָנגעקלערט שפּרינגען איבערן פייער.

— זע — זאָגן זיי — שניי־פייגעלע, שטיי ניט אָפּ פון אונז: מיר שפּרינגען, שפּרינג נאָך.

געוומען די מיידלאך זינגען:

פלי, פלי, פייגעלע,
איבערן גרינעם פייער,
פון רויטן גאָלד א קליידעלע
איז קיינעם ניט צו טייער.
גאָלד אין טאש איך האָב, איך האָב
און איבערן פייער שפרינג איך
— האָפּ!

שפרינגען איבערן פייער די מיידעלאך. אלע מיידעלאך איבערגעשפרינגען, געוומען שניי־פייגעלע און געגעבן א שפרונג, איז זי איבערן פלאם צעגאנגען געוואָרן און זיך אופגעוומען אין א כמארע.

געקומען א ווינט, געמאכט פון דעם פייער א פלאם און די כמארע פארטראָגן אין גאָלדענעם יאם.

דער נאַר.

געווען זיינען אַ מאָל אַלטע לייט אַ פּאָר, האָבן זיי געהאַט דריי זין, צוויי קלוגע, און דער דריטער, סאַמע דער איינגסטער, אַ נאַר. די קלוגע האָבן די שאָף אין פעלד געהיט, און דער נאַר האָט גאָר ניט געטאָן, נאָר געלעגן אויפן אויוון און געכאַפּט פליגן.

איינמאָל האָט די באָבע אָנגעקאָכט קאָרענע פּאַמפּושקעס, און זאָגט צום נאַר:

— נעם נאַר אָקאָרשט, טראָג אָפּ די פּאַמפּושקעס צו די ברידער, זאָלן זיי אָפּעסן.

די פּאַמפּושקעס אין אַ טאָפּ אײַנגעוויקלט און אים צו די הענט געגעבן. האָט זיך דער נאַר אַוועקגעשלעפּט צו די ברידער.

אַ טאָג איז געווען אַ זוניקער. גייט ער נאָר אַרויס, דער נאַר, פון יענער זייט פּאַרקן, דערזעט ער זיין שאָטן בײַ דער זייט און קלערט זיך:

— וואָס זאָל דאָס זיין פאַר אַ מענטש? גייט מיט מיר באַגלייך ניט ער און טרעט ניט אָפּ קיין טריט: געוויס האָט ער אים פאַרגלוסט אַ פּאַמפּושקע. — און גיט אַ וואָרף אַ פּאַמפּושקע. ער גייט אַלץ ניט אָפּ, דער נאַר, אַ וואָרף די צווייטע פּאַמפּושקע, און אַזוי אַלע

ביז איינער אַרויסגעוואָרפן. ער קוקט, דער שאָטן שלעפּט זיך אַלץ פון דער זייט.

— אַ קישקע אָן אַ דנאָ!—זאָגט דער נאַר אין קאַס. געגעבן אַ שמייס דעם טעפּל אַף זיין שאָטן, זיינען נאַר שערבלאַך אין אַלע זייטן צעפלויגן געוואָרן.

און אַזוי קומט דער נאַר צו די ברידער.

— גוט מאָרגן, ברידער!

— נאָך וואָס ביסטו געקומען, נאַר?

— אייך וואַרמעס געבריינגט.

— וואו איז ער, דער וואַרמעס? דערלאַנג אים גיכער אַ...

— פאַרשטייט איר מיך, ברידער, ס׳האָט זיך אָן מיר אנגעבונדן אַפן וועג עפּעס, איך ווייס ניט ווער, אַ מענטש און אַלץ אופגעגעסן.

— אַ וועלכער איז ער דאָס אַ זעלכער, דיין מענטש?

— אָט איז ער, שטייט איצט נאָך באַגלייך מיט מיר.

האָבן די ברידער גענומען קלאָפּן אים, גוט דורכגעקלאָפּט און געשטעלט די שאָף היטן. אַליין זיינען זיי אַוועק אין דאָרף אַריין וואַרמעס עסן. האָט גענומען דער נאַר די שאָף היטן. זעט ער אַז די שאָף צעקריכן זיך איבערן פעלד. און דער נאַר—אַנו זיי כאַפּן און איבערבינדן די פיסלאַך. אַזוי אַלע שעפּאַלאַך איבערגעכאַפּט און די פיס אויסגעבונדן, אויפגעקליבן די טשערעדע אין איין ווינקל און זיצט זיך פריילאַך, צופרידן, גלייך ווי ער האָט אַ גרויסע אַרבעט אופגעטאָן.

די ברידער האָבן אָפּגעגעסן, זיך אומגעקערט אין פעלד. זיי טוען אַ קוק, באַ די שאָף איבערגעבונדענע פיסלאַך.

— וואָסטו דאָ, נאַר, אָפּגעטאָן? וואַרום איז די טשערעדע אויסגעבונדן? _



— אַז איר זייט געוועוען אַוועקגעגאַנגען, ברידערלאַך, האָבן זיך די שאָף איינציקווייס צעשאָטן, האָב איך צוגעקלערט, זיי גענומען כאַפּן אין איין הורע צונויפנעמען און די פיסלאַך איבערבונדן. אָט האָב איך זיך אַביסל פארמאטערט!

— ווארט! — זאָגן די ברידער — נאָך ניט אזוי וועסטו זיך פארמאטערן. — און גענומען דעם נאר מעכאבעד זיין מיט קלעפּ. האָט ער שוין געדיינקט ביז די נייע בעזעמער.

אין א צייט ארום, אזוי ניט לאנג האָט געדויערט, שיקן אוועק די אלטע לייט דעם נאר אין שטאָט אריין צום יאָנטיוו באלאבאטישקייט איינקויפן. האָט דער נאר אלסדינג אופגעקויפט: אי א טיש געקויפט, אי לעפל, אי גלעזער, אי זאלץ; א פולן וואָגן אָנגעוואָרפן מיט יעדעס פיצל. פאָרט ער אהיים, און דאָס פערדל איז א געמיינס; פאָרט און פאָרט, און שטייט אף איין אָרט.



— אַז וואָס—קלערט זיך דער נאַר:—בּאַ דעם פערד איז דאָך פיר פיס, בײַ דעם טיש אויך פיר פיס: איך וועל אַראָפּלאָזן דעם טיש, וועט ער שוין אַליין דערלויפן.

גענומען דעם טיש, אַוועקגעשטעלט אויפן מיטן וועג און פאָרט ווייטער. פאָרט און פאָרט, ביז נאָענט ביז ווייט, פליען אָן קראָהען, דרייען זיך סאַמע איבערן קאָפּ און קראַקען.

— ווייזט אויס די שוועסטערלאַך האָבן כּישעק אָפּצועסן, וואָס האָבן זיך אַזוי צעשריען!

באַקלערט זיך דער נאַר און שטעלט זיי אַוועק שיסלען מיט עסן אויף דער ערד און נעמט זיי מכבּד זײַן.

— עסט, שוועסטערלאַך־טײַבעלאַך, זאָל אײַך וואויל באַקומען!—און אַליין ציט ער ווייטער זײַן וועג.

פֿאָרט דורך דער נאַר פֿאַרבײַ אַ וועלדל. שטייען בײַ וועג פֿעניעס אָפּגעבּרענטע.

— עך!—קלערט ער—וואָילע כעוורע און אָן היטלען. איר קענט דאָך נאָך, הארצעלאַך, פֿאַרפֿרוירן ווערן!

האָט גענומען דער נאַר אָנגעטאָן אַף די פֿעניעס די טעפּלאַך מיט די דײַשקעס.

— אַזוי, זאָגט ער, אַזוי וועט אײַך זײַן וואַרעם.

און פֿאָרט זיך ווײַטער.

און אָט איז צוגעפֿאָרן דער נאַר צום טײַך. דאַרף מען, הייסט עס, דאָס פֿערדל אָנטרונקען. טרינקט עס נישט.

— אַהאַ!—קלערט זיך דער נאַר—אָן זאַלץ וויל דאָס ניט טרונקען.—און נעמט זאַלצן די וואַסער. אויסגעשאָטן דעם גאַנצן זאַק זאַלץ, און דער פֿערד טרינקט אַלץ ניט.

— וואָס זשע טרינקסטו ניט, הונטיש־בלוט דו? דאָס האָב איך אומזיסט, מיינסטו, א זאק מיט זאלץ אויסגעשאָטן?

געכאפט דער נאר א שיט האָלץ, קנאק דעם פערד איבערן קאָפּ און דערהארגעט אפן אָרט. איז נאָך געבליבן ביי דעם נאר א שיסל מיט לעפל, האָט ער עס אף די פלייצעס גענומען און אוועק צופוס.

ער גייט און די לעפל אונטן בראמקען זיך אונטער: בראמ־באר, בראמ־באר! מיינט ער זיי רייצן אים: נאר־נאר, נאר־נאר.

איז ער געוואָרן אין קאס, געגעבן א שמיץ די לעפל איבער דער ערד און זיי צעטראָטן.

— אָט איז אייך נאר! אָט איז אייך נאר! נאָך זיך אָנגעקלערט רייצן, א זעלכע נישטן!

געקומען אהיים און זאָגט צו די ברידער:

— פון אלסדינג, ברידערלאך, אָנגעקויפט.

— גוט, נאר,—זאָגן די ברידער—און וואו איז דאָס איינגעקויפטס?

— אָט האָט איר אזוי: דער טיש לויפט דאָרט נאָך — מיסטאם באלד קומען; פון די שיסלען עסן די שוועסטערלאך דאָרט; די טעפּ מיט די דיישקאלאך האָב איך די כעוורע אין וואלד אף די קעפּ אָנגעטאָן; מיט דער זאלץ דעם פערד א טרינק צוגעזאלצט און די לעפל רייצן זיך מיט מיר, האָב איך זיי אפן וועג צושאָטן.

— שוין זאָלסטו גיין—זאָגן די ברידער—און אופקלייבן יאָס דו האָסט אפן וועג צוואָרפן!

אוועקגעלאָפן דער נאר אין וואלד, אראָפּגענומען פון די ארומגעברענטע פעניעס די דיישקעס, ארויסגעזעצט די דעקן און אָנגעטאָן אף איין שטעקן א טוץ דיישקעס אלערליי, גרויסע

און קליינע, און געבראכט אהיים. זעען די ברידער ס׳שלעכט, האָבן זיי אים גוט אָנגעקנאקט, און זיינען שוין אליין אוועקגעפאָרן אין שטאָט איינקויפן און דעם נאר איבערגעלאָזן די שטוב היטן. הערט דער נאר דאָס ביר ברויזט זייער אין פאס, רופט ער זיך אָן:

— ביר, ניט ברויז—דעם נאר ניט רייץ!

ער קוקט, דאס ביר פאָלגט ניט.

גענומען דער נאר ארויסגעלאָזט די גאנצע פאס ביר אפן שטוב. אליין זיך אין קאָרעטע ארייַנגעזעצט, שיפט זיך איבערן שטוב און זינגט צו.

זיינען געקומען צופאָרן די ברידער און געגעבן אקוק—זיינען זיי געוואָרן שטארק אין קאס. זיך גענומען אייצענען. גענומען דעם נאר פארנייט אין א זאק און אוועקגעשלעפט צום טייך. דעם זאק ביים טייך אוועקגעלייגט און אוועק די פאָלאנקע באַטראכטן.

און אין דער מינוט איז דורכגעפאָרן עפעס א פאָריץ פארביי מיט פיר פערד געשפאנט. אז דער נאר נעמט שרייען:

— זעצן מיך מיינע ברידער אף גרויסע שטעט אייצענען און קיניגן, און איך קען ניט אייצענען, קען ניט קיניגן.

— וואַרט, דו נאר—רופט אויס דער פּאָריץ: איך קען אי אייצענען, אי קיניגן. קריך ארויס פון זאק!

דער נאר איז ארויס פון זאק, פארנייט אהין דעם פּאָריץ, און אליין זיך געזעצט אפן פור און אוועקגעפאָרן.

געקומען די ברידער אראָפּגעלאָזט דעם זאק אונטערן אייז און הערן ווי ס׳בולקעט.

— זאָל ער דאָרט כאפן פיש, און מיר זיינען שוין פון אים פטער געוואָרן.

שלעפן זיך די ברידער אהיים. פון וואנען פון וואָס קומט דיר ניט אָן דער נאר אף פיר פערד אנטקעגן, פאָרט און באַרימט זיך:



— אָט סארא פערדלאך איך האָב גע־כאפט! און נאָך האָט זיך אָפגעשטעלט אַ שפאקל, שוין דאווקע דער עמעסער פערד!

האָבן די ברידער זייער מעקאנע געווען אף די פערד און זאָגן צום נאר:

— פארניי אונז, נאר, גיכער אין א זאק און לאָז אראָפ אינדערגיך אין פּאָלאנקע. דער שפאקל וועט שוין פון אונזערע הענט מיסטאָם ניט אוועקגיין.



ט׳אראָפגילאזן זיי דער נאר אין פּאָלאנקע אריין, אליין אוועקגע־יאָגט א היים, דאָס ביר דערטרינקען און די ברי־דער באקלינגען. גיך זיך אָנגעשיקערט, איז ארוף דער נאר אפן בוידעם און גענומען דורכן טירעלע שפרינגען: טירעלע אריין, טירעלע ארויס, איז אים דער ביר דורך דער נאָז ארויס און אליין איז ער מיט אלע פערד אין וואלד אוועק.

זיצט ער נאָך דאָרט אי היינט און וויל אהיים ניט קומען.

אינהאלט.

די קאַץ און דאָס האָנדעלע. 5
די ציגעלאַך און דער וואָלף. 13
דער וואָלף און דער באָק. 16
די גענז. 19
דער בערישער פוס. 25
לוטאשל. 30
דאָס שניי־פייגעלע. 37
דער נאַר. 42

ביכער-לאגער „סאראבקאפ"
[illegible]